

# מיין שבת אוצר

## "יומא דהילולא"

# הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זצוק"ל הי"ד

### בעמח"ס "שערי הישר"

### - כ"ז אייר תש"ד -

**הולדתו:** הגה"ק רבי צבי הירש פריעדלענדער בעל "שערי הישר" מליסקא איז געבוירן געווארן א' דחוה"מ סוכות י"ז תשרי שנת תרל"ד צו זיין פאטער הגה"ק רבי חיים בעל "טל חיים" מליסקא, און זיין מוטער מרת קריינטשא, אַ קורצע צייט נאך די הסתלקות פון זיין זיידן הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעל "אך פרי תבואה", ועל שמו איז ער גערופן געוואָרן. זכר צדיקים לברכה.

**זוגתו:** מרת גיטל די טאָכטער פון הרה"ח המפו' רבי יצחק אייזיק, א חסיד פון זיין פאטער דער "טל חיים". זכר צדיקים לברכה.

**תולדותיו:** בניו: הגה"צ רבי שמעון חתן הגה"צ רבי בערצי שפירא. הגה"צ רבי חיים, חתן הרה"צ רבי משה טייטלבוים מאוהעל. הגה"צ רבי אברהם, חתן דודו הגה"צ רבי יהודא פרידלענדער אבד"ק ביקיני. ממלא מקומו הגה"צ רבי יוזפא האדמו"ר מליסקא. זכר צדיקים לברכה.

**רבותיו:** אביו ה"טל חיים" בליסקא. זכר צדיקים לברכה.

**על כסא ממלכתו:** גאַווע. און 45 יאהר אין ליסקא.

**ספריו:** "שערי הישר" על תהילים. ועוד.

**פטירתו:** הגה"ק רבי צבי הירש איז אומגעקומען עקה"ש "זך" אייר, תש"ד אין אוישוויץ, צוזאַמען מיט זיינע דריי הייליגע קינדער, רבי שמעון, רבי חיים און רבי אברהם הי"ד און זייערע משפחות הי"ד.

### וזרח השמש

נאך איידער ער איז געבוירן געווארן האט דער גרויסער זיידע הרה"ק רבי הערשל'ע ליסקער פאראויס געזאגט איבער זיינע כשרונות ומדריגות. שוין אלס קינד איז ער געווען באוואוסט מיט זיין שארפן מח און ער איז דעמאלט געווען א גוואלדיגער בעל מחדש. און אין עלטער פון 17 יאָר האט ער באקומען סמיכה פון די גדולי הדור הגאון רבי יצחק שמעלקיש, דער "בית יצחק" פון לעמבערג און הגאון רבי שרגא צבי טענענבוים בעל "נטע שורק" מטשאטה ועוד. ער איז אויך געוואַקסן אַ גאון נורא אין תורת הנסתר. זיין פאטער דער "טל חיים" וואס איז געווען באקאנט אלס בעל מקובל עצום, האט געלערנט מיט אים חכמת הקבלה. שפעטער האט ער אליין ממשיך געווען צו לערנען חכמת הקבלה און ער האט מחבר געווען עטליכע ספרים בדרך הקבלה, צווישן זיי: א פירוש אויפ'ן פרי עץ חיים, א פירוש אויף שיר השירים בדרך הקבלה און נאך אבער ס'איז ליידער גארנישט פארבליבן.

### ספר תהלים "שערי הישר"

הגה"ק רבי צבי הירש פריעדלענדער בעל "שערי הישר" מליסקא האט געשריבן איבער דרייסיג חיבורים אויף אלע מקצועות התורה, און אלע זענען ליידער פארברענט און פארלוירן געווארן, און ס'איז נישט געבליבן נאר דאס ספר תהלים, מיט'ן פירוש "שערי הישר" וואס ער האט נאך געדרוקט בחייו. די סיבה פונעם מאכן דעם פירוש אויף תהלים ווערט דערציילט אז הגה"ק רבי צבי הירש, האט זיך גענויטיגט אין א פערזענליכע ישועה. איז געקומען דוד המלך ע"ה צו אים אין א חלום און געזאגט: **"אויף אלעס האסטו געשריבן א פירוש, נאר נישט אויף מיין תהלים"**. האט ער דעמאלט געשריבן דעם פירוש "שערי הישר" אויף תהלים, און געהאט א ישועה. הגה"צ רבי יהושע גרינוואלד אב"ד חוסט זצ"ל, האט דערציילט אז ווען ער האט באזוכט ביי הגה"ק רבי צבי הירש אין שטוב, האט ער אים אריינגענומען אין זיין ספרים שטוב, און געוויזן די פולע קאסטענעס מיט זיינע כתבי ידות, זאגנ'דיג צום אים **"דאס איז מיין פארמעגן"**, און דער חוסטער רב האט מעיד געווען אז די דרייסיג חיבורים וואס ער האט געשריבן איז גארנישט א גוזמא.

### קאנדידאט אויף רבנות צוזאמען מיט'ן "לבושי מרדכי"

באלד נאך זיין חתונה איז דער "שערי הישר" אויפגענומען געוואָרן אַלס דומ"ץ אין די שטאט מאַד בבית דינו פון הגאון האדיר רבי מרדכי לייב ווינקלער בעל "לבושי מרדכי". פון מאד. און אויך געעפנט אַ ישיבה. מערקווירדיג, אַז נאָכ'ן הסתלקות פון מאַדער רב איז דער "שערי הישר" געווען א קאַנדידאַט פאר'ן רבנות, צוזאַמען מיט'ן "לבושי מרדכי", אבער מ'האָט אויפגענומען דעם "לבושי מרדכי" וואס איז געווען פיהל עלטער און איז שוין דעמאלט געווען



פאַררעכנט ווי דער גאון הדור.

זייענדיג 25 יאהר אלט, איז דער "שערי הישר" געוואָרן רב אין שטעטל "גאַווע". ביים באַזעצן דאָס רבנות איז דער "לבושי מרדכי" מיטגעפאָהרן און אים באַגלייט ביז קיין גאַווע. זיין פאטער הגה"ק בעל "טל חיים" האט זיך אויסגעדרוקט אויף אים: **"מיין רבי הערשל'ע איז טאקע רב אין גאווע, אבער ער איז ווייט פון די מדה פון גאוה"**, וואָס איז געווען נישט בלויז אַ מליצה, נאָר אויך אמת לאמיתו, זייענדיג א געוואלדיגער עניו ושפל ברך, דורכגענומען מיט אהבת ישראל, וועמען ס'האָט געפּאַסט זיך צו באַפּאַסן מיט די פּראָסטע און נידעריגסטע אידן, זיי מקרב צו זיין מיט ליעבשאַפט צום באשעפער און זיין תורה הקדושה.

### די וואנט האט זיך גערוקט

נאָך די פלוצימע פטירה פונעם "טל חיים" אין יאהר תרס"ד איז מען געגאַנגען זעהן צי מ'קען אים באַהאַלטן אין אוהל, אָבער מ'האט געזעהן אז ס'איז נישט דא קיין פלאַץ. איז זיין זוהן, דער בעל "שערי הישר", אַרויף מיט אַ מנין צום ציון פונעם זיידן דער "אך פרי תבואה" און געבעהטן, אַז היות זיין איידעם [דער "טל חיים"] איז אים געווען אַזוי נאָענט ביים האַרצן, בעהט מען ער זאל אים מאַכן פלאַץ אינעם אוהל. צומארגנ'ס ביי די לוי' האָט מען געזעהן ווי איין וואַנט פונעם אוהל האָט זיך וואונדערליך גערוקט! ס'איז געווען אַ פלא בתוך פלא, ווייל דער דאַך האָט זיך נישט אויסגעברייטערט, בלויז די וואַנט האָט זיך גערוקט, וואָס האָט געוויזן אַז דער גרויסער שווער האָט ווירקליך געמאַכט פלאַץ פאַר זיין גרויסן איידעם. (ביז די מלחמה איז דאָס געבליבן אַזוי, מיט'ן אָפענעם דאַך און אָפּגערוקטער וואַנט. נאָך די מלחמה ווען מען האָט רענאָווירט דעם אוהל האָט מען פאַרראָכטן דעם דאַך אויך, אבער מ'קען נאָך ביז היינט זעהן ווי דער "טל חיים" ליגט גאַנץ ביים עק נעבן די וואַנט).

### "די שכינה רוהט אויף אים"

ביי די הסתלקות פון זיין פאטער דער "טל חיים", איז דער "שערי הישר" געווען אַ יונגערמאַן פון בלויז דרייסיג יאהָר. אָבער נאך די מעשה מיט'ן רוקן דעם וואַנט פונעם אוהל און מאַכן פלאץ פאַר זיין פאָטער, איז נישט געווען קיין שאלה אז ער איז ראוי לאותו איצטלא, ממשיך צו זיין דאס רבנות און די שלשלת הזהב פון אדמורו"ת ליסקא. אינעם ספר הזכרונות פון ליסקא שילדערט דער מחבר דעם מהות און התנהגות פון זיין גרויסן רבי'ן: "מ'האט געזעהן עין בעין אז די שכינה רוהט אויף זיין פנים. אַ גאָט געבענטשטע שיינקייט און פיינקייט האט געגלאַנצט פון זיין הדרת פנים'דיגער ערשיינונג, וואס האט אזש יעדן פאַרכאַפּט. "ער פלעגט פראַווען התבודדות, געציטערט פון ביטול תורה, זיך דערווייטער פון פאָליטיק און נישט דערלאָזט פאָליטיק פירן זיין הויז. "ער איז געווען אַ רבי ווי צענדליגער אידן, מענער און פרויען, האבן טאָג טעגליך געוואַרט ביז אין דער האַלבער נאַכט, צו הערן זיינע עצות און באקומען זיינע הייליגע ברכות וישועות".

### מופתים נאָך אלץ יונגערמאַן

אינדערהיים אין אונגאַרן איז געווען אַ דבר מפורסם וידוע אַז דער "שערי הישר", ווי זיינע אבות הקדושים, האָט זיך מוסר נפש געווען צו פועל'ן ישועות פאַר אידישע קינדער. מ'דערציילט איבער דעם א דבר נורא. איינער האָט אַמאהל געפרעגט דעם "שערי הישר", "וואס איז דער חילוק צווישן אַ רבי און אַ רב?" האָט ער געענטפערט בשם זיין הייליגן זיידן רבי הערשל'ע ליסקער זי"ע: צו זיין אַ רב דאַרף מען מוותר זיין אויפ'ן עולם הזה. צו זיין אַ רבי דאַרף מען מוותר זיין אויך אויף עולם הבא!" די תשובה פונעם "שערי הישר" איז נישט געווען אומזיסט. ער האט געהאלטן דערביי. ער איז גרייט געווען זיך אוועקצוגעבן פאר א צווייטן איד בלב ובנפש בגוף ובנשמה. אלס יונגערמאן זענען אידן שוין געהאָלפן געוואָרן דורך זיינע תפלות. זייענדיג רב אינעם שטעטל 'גאַווע' איז ער אמאהל געפאהרן צו אַ חתונה פון זיינ'ס אַ תלמיד און זייענדיג אין יענער פרעמדער שטאָט קומט צו אים צו אן אלטער ליסקער חסיד, מיט אַ קוויטל און פדיון אַז זיין פרוי איז ל"ע געלעהמט געווארן און דאַרף גרויס רחמים. דער "שערי הישר" האָט אים אָנגעקוקט, "פאַר מיר געסטו אַ קוויטל? איך בין קוים געוואָרן אַ רב, איך ווייס גאָרנישט פון רביסטעווע צו זאָגן. אז איר זענט אַ ליסקער חסיד פאהרט צו מיין פאָטער דער "טל חיים" אין ליסקא". אבער דער עלטערער חסיד האָט נישט נאכגעלאזט: "איך בין נאָך געפאהָרן צו אייער זיידן דער "אך פרי

<<<<<<<



**"יומא דהילולא"**

# הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זצוק"ל הי"ד

## - כ"ז אייר תש"ד -

תבואה", איך בין גענוג געפאהרן צו אייער טאטן דער 'טל חיים', אבער איצט בין איך שוין אַלט, איך דאַרף באַדינען מיין קראַנקע פרוי און איך האָב נישט קיין כח צו פאהרן קיין ליסקא. איך בין מאמין באמונה שלימה, אויב דער זיידע און טאטע האבן געקענט העלפן, קען דער אייניקל אויך". האט אים דער רב געענטפערט: אויב איר האָט טאַקע אַזאַ אמונת צדיקים, מיט אמונה קען מען אַלעס פועל'ן". וכך הוה, די פרוי פונעם איד איז געזונט געוואָרן כאחד האדם, זינט דעמאלט איז דער נאָמען פונעם יונגען רב אַרויס אלס "גוטער איד" און מ'האָט שוין דעמאָלט, נאך בחיים חיותו פון זיין פאָטער, אנגעהויבן קומען און בעהטן, ברכות וישועות.

### געטראָפן דעם קערפּער פונעם גוי אין טייך




זיין נאמען אלס בעל מופת איז געווען צעשפרייט צווישן אידן און אויך להבדיל ביי די גוים. ס'האט אמאהל פאסירט אז א גוי איז דערטראנקען געווארן אינעם טייך נעבן ליסקא. איז די משפחה געקומען צום "שערי הישר" און געבעהטן זיין ברכה מ'זאל טרעפן דעם קערפּער פונעם גוי. דער "שערי הישר" האט באפוילן מ'זאל נעמען א "מילטער" (אַ "פּאָנעל") און דאָס לאָזן שווימען אויפ'ן וואַסער און דאָרט וואו ס'וועט זיך אָפּשטעלן זאָל מען זוכן דעם קערפּער. אַזוי איז טאַקע געווען, מ'האָט דאָרט געטראָפן דעם קערפּער און די גאַנצע שטאָט האָט געראַשט פון דעם מופת פונעם אידישן "ראבינער".

### פּאָראויס געזעהן דעם חורבן נורא

דער "שערי הישר" איז געווען פון די צדיקים וואס האבן פאראויס דערשפיהרט דער גרויסער אומגליק וואס קומט אויף כלל ישראל. זיינ'ס א חסיד, הרה"ח ר' וואלף צייזלער ז"ל האט דערציילט אז ער האט אמאהל באַגלייט זיין רבי'ן דער "שערי הישר" אויף א נסיעה קיין בערלין, דייטשלאַנד, וואו אהין ער איז געפאהרן צו היילן זיין רעבעצין ע"ה וואס איז נישט געווען געזונט. זייענדיג דארט האט מען אים מכבד געווען מיט א דרשה שבת נאָכמיטאָג, אין איינע פון די הויפּט שוהלן, זייענדיג באַרימט אַלס בעל דרשן מפואר, מיט זיין גרויסן כח פון זאָגן דרשות. ער האט טאקע געהאלטן א דרשה נפלאה, בפלפול ואגדה וואָס האָט יעדן באַגייסטערט. אינמיטן די דרשה האט דער "שערי הישר", זיך גענומען שרייען פון די טיפעניש פון זיין ריין הארץ, "איך שפיהר אז פון די שטאט גייט ארויס א כח הטומאה וואס איז נישט גוט פאַר אידן". דאָס איז געווען נאך איידער דער רשע ימ"ש איז געקומען צו די מאכט אין דייטשלאנד. אין שפּעטער גוזר געווען ביטערע גזירות להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים ר"ל הי"ד.

### מרעיש עולמות לטובת כלל ישראל

גלייך נאכ'ן אויסברוך פון די צווייטע וועלט קריג, אלול תרצ"ט, ווען דאס דייטשע מיליטער האבן אריינגעדרונגען אין פוילן און אנגעהויבן חרוב מאכן אידישע קהלות, איז דער "שערי הישר" געווארן אזוי בצער אזש זיין פנים איז פארשווארצט געווארן. אנדערש ווי פיהלע אונגארישע אידן וועלכע האבן נישט געגלויבט וואס גייט פאָר אין שכנות'דיגן פוילן האָט דער רבי געשפיהרט די גרויסע סכנה אין וועלכע כלל ישראל געפינט זיך; ער האט נישט אויפגעהערט וויינען אויפ'ן גרויסן אומגליק וואס האט באטראפן דעם פוילישן אידענטום און מתפלל זיין פאַר'ן וואוילזיין פון אידישע קינדער. זינט יענעם חודש אלול איז ער מער נישט געשלאפן אין קיין בעט, ביז זיין לעצטן טאָג. זיין זוהן כ"ק אדמו"ר רבי יוזפא, האט דערציילט אַז גאַנץ ביים אָנהויב פון די קריג האָט ער איינמאהל געזעהן ווי זיין פאָטער איז אין א קאלטער ווינטער נאַכט אויפגעשטאַנען קורץ נאָכ'ן זיך לייגן שלאָפן. ער האָט אָנגעהאַט אנגעטוהן א לייכטע מלבוש און זיך געשטעלט ביי די טיהר ביי די מזוזה און געזאָגט ווי פאָלגנד: **"רבונו של עולם, וויאַזוי קען איך שלאָפן אין אַ וואַרעמע בעט אַז אין פוילן רודפ'ט מען אידן? ווי קענסטו לאָזן די וועלט אַזוי אָנגיין? מיר אידן ליידן אַלע ערליי יסורים, זיי זיך מרחם אויף כלל ישראל"**. אַזוי איז ער געשטאַנען ביי די מזוזה און אויסגעגאָסן זיין האַרץ צום באשעפער אַ לאַנגע צייט. ביי די טישן וואס ער האט געפירט אין די ביטערע צייטן פון די צווייטע וועלט קריג, איבערהויפט ביי שלש סעודות, פלעגט ער פארגיסן טייכן טרערן אויף די ביטערע צרות. און איינגעריסן מ'זאָל מעורר רחמים זיין פאַר פוילישע אידן וואָס ווערן געפיהרט ווי שאָף צו די שחיטה און אין די זעלבע צייט גערופן דעם עולם, אז אויך אונגארישע אידן טאָהרן נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט, מ'מוז זוכן וועגן פון הצלה, צו אנטלויפן צו א פאַרזיכערט ארט. ער אליין האט אבער נישט געוואלט הערן פון אנטלויפן, טראָץ ער האט געהאט די מעגליכקייט דערצו, ווייל ער האט נישט געוואלט פארלאזן זיין עדה הקדושה.

### דאָס גלעזעלע הבדלה וויין אויפ'ן באַן קיין אוישוויץ

זייענדיג אין געטאָ האָט דער "שערי הישר" ווייטער געפיהרט זיין עבודת הקודש ווי ווייט מעגליך. ער האט געפראַוועט שלש סעודות און געזאָגט תורה בהתעוררות גדול. איינמאָהל האָט ער נאָכגעזאָגט פון הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע אַז פאַר משיח צדקינו וועט קומען וועט זיין אַ תקופה וואָס נישט נאָר וועלן נישט זיין קיין תשובות אויף די שאלות, נאָר מ'וועט אפילו נישט וויסן וויאַזוי צו פרעגן שאלות". ענדע חודש אייר האט מען דעפּאָרטירט דעם "שערי הישר", צוזאַמען מיט כמעט זיין גאַנצע משפחה, קינדער און אייניקלעך, קיין אוישוויץ. ער איז נישט אַרויף אויפ'ן וואַגאָן איידער ער האָט זיך געגרייט מיט אַ הכנה דרבה קדושה ונוראה. בעת אַנדערע האָבן פּרובירט אַרויפצושמוגלען אויפ'ן באַן פאַרשידענע לעבנס-וויכטיגע חפצים, האָט דער "שערי הישר" מיטגענומען אויפ'ן וועג בלויז צוויי זאַכן: 1) תכריכים און 2) אַ פלעשל וויין פאַר קידוש והבדלה. שבת אינדערפרי איז די באן אנגעקומען קיין אוישוויץ און דער רבי האָט נאך געמאַכט קידוש אויפ'ן וויין. אינמיטן טאָג זענען די קליינע קינדער אויפ'ן באַן געוואָרן זייער דורשטיג, האָט דער רבי אַרויסגענומען דאָס פלעשל וויין פון טאַש און זיי געגעבן צו טרונקען, זאָגנ'דיג "מ'וועט דאָס שוין סייווי מער נישט דאַרפן". וכך הוה, ווען מ'איז אַרויסגעקומען פון באַהן האָט מען זיי גלייך אוועק גענומען צו די גאז קאמערן. דער רבי האט זיך גענומען גרייטן צו גיין על קידוש השם בדחילו ורחימו. ער איז געשטאַנען פעלזן פעסט מיט הייליגע מחשבות און מחזק געווען די אַרומיגע אידן מ'זאָל זיך נישט מייאש זיין ח"ו ביז די לעצטע רגע. שטייענדיג אין די רייע אַריינצוגיין צו די גאַז קאַמערן האָט ער זיך אָנגערופן הויך צו די אַרומיגע "אין די לעצטע רגעים פון אַ מענטש קלוגט זיך דער יצר הרע אים איבערצורעדן מ'זאָל זיך חלילה אָפּרייסן פון באשעפער. דעריבער דאַרף זיך יעדער יעצט שטאַרקן צו בלייבן ביי די ריינע אמונה ביז צום לעצטן אָטעם". אינעם טאָג "זך" אייר תש"ד, האָט דער ליסקער רבי אויסגעהויכט זיין נשמה "זך וטהור" אין אוישוויץ, אצוזאַמען מיט זיינע דריי הייליגע קינדער, רבי שמעון, רבי חיים און רבי אברהם, און זייערע משפחות קינדער און אייניקלעך הי"ד. מיט רחמנות פון באשעפער זענען עטליכע פון זיינע קינדער און אייניקלעך געראטעוועט געווארן, צווישן זיי זיין זוהן, הגה"צ רבי יוזפא וואס האט ממשיך געווען מיט אדמורו"ת ליסקא, ביז זיין הסתלקות אין עלטער פון 53 יאר ביום כ"ח שבט תשל"א. זיינע חשוב'ער זוהן האדמו"ר הגה"צ רבי צבי הירש שליט"א דער ליסקער רבי, וועלכער הייסט נאכ'ן זיידן דער בעל "שערי הישר" מליסקא זי"ע הי"ד, און איז ממשיך במסורת אבותיו הקדושים, און זיין זוהן הגה"צ רבי יהושע העשיל שליט"א אב"ד הובניב עד ביאת המשיח.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן.**

(מקורות: אור הצפון, עלים לתרופה, יחיד בדורו, תולדות וסיפורי צדיקים, מעשי אבות, הילולא קדישא, אנציקלופדיה לחכמי גאליציה, דאס אידישע ווארט, ימי זכרון, דברי תורה לפ' השבוע, אדמור"י בעלזא ועוד)

### דו וועסט דיך דרייען און דרייען...און ארויסדרייען צום גוט'ן...

הגה"ק רבי צבי הירש דער "שערי הישר" איז אומגעקומען על קידוש ה' אין אוישוויץ ז"ך אייר תש"ד. געציילטע חדשים פריער האט ער זוכה געווען א שידוך צו טוען מיט בנו חביבו, רבי יוזפא, מיט די בת קדושים הרבנית הצ' מרת נחמה, די טאכטער פון הרה"צ רבי אברהם יהושע העשיל פרענקל זצ"ל פון הובניב דער זוהן פון הרה"צ רבי מאיר'ל פרענקל דער לובלינער רבי זצ"ל. דער בילגורייא רב זי"ע האט זיך אפגעגעבן מיט'ן שידוך מצד הכלה. מרן מהר"א זי"ע האט הנאה געהאט פונעם שידוך, זייענ'דיג א מחותן מיט רבי יהושע העשיל, וועמענ'ס זוהן הרה"צ רבי שמואל פרענקל זצ"ל הי"ד, איז געווען אן איידים ביי מרן זי"ע. נאכ'ן שליסן דעם שידוך, ווען מ'איז אריין צו מרן זי"ע אפנעמען מזל טוב. האט מרן זי"ע געוואונטשן דעם חתן דריי מאהל מזל טוב. איינס: ווייל ער איז א יחסן. צווייטנס: אז בעלזא איז זיך [דאס ערשטע מאהל] משדך מיט ליסקא. דריטנס: ווייל דער חתן איז א תלמוד חכם. איידער דער חתן רבי יוזפא איז צוריק געפאהרן קיין ליסקא צו זיין פאטער, האט ער זיך געזעגנט פון מרן זי"ע, און זיך מזכיר געווען ער זאל געראטעוועט ווערן פון די רשעים. מרן זי"ע האט מיט אים געשמועסט א שטיקל צייט, אים ווארעם געוואונטשן, און דערנאך געזאגט: **"דו וועסט דיך דרייען און דרייען און ס'וועט זיך ארויסדרייען צום גוטן"**. וואס אין די ענדע איז דאס טאקע פולקאם מקויים געווארן, ווען רבי יוזפא איז געווען א 'טמיר ונעלם' און זיך די גאנצע צייט אויסבאהאלטן פון די רשעים ימ"ש, און ער איז בניסי ניסים געראטעוועט געווארן.